STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02423

DER FERBOTENER BRIS

H. Golomb

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02423-6

D:\YIDDISH\TITLES\9780657024239T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דֶער

פֶּערְבָּאטֶענֶער בְּרִית

אֵיינֶע אַלְט גֶעוֶועזֶענֶע אוּנְד וַוארֶע עֶרְצֵיילוּנְג

פֿערפֿאסט פֿון

צ. נ. גאלאמב.

ווילנא

ДЕРЪ ФЕРБОТЕНЕРЪ БРИСЪ.

Запрѣщеное обрѣзаніе. Соч. Ц. Н. Г· лемба.
Спб. изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА. Типографія Л. Л. Маца, Завальная 30
1912 года.

דער פערבאטענער ברית.

א.

דיא לאנד ארץ ישראל, אלס אידן אליין האבען איהר בעזעסען; איז איהרער גוטער בערוף געוועזען פערנאנט אונטער אלע רייכען, וועלכע האבען רעגירט דאן אונטער דעם הימל; דאס הייסט, מיט דעם זעלביגען געערטען טיטול מיט וועלכען דיא תורה רופט איהר אן: ארץ זבת חלב ודבש. זיא איזט איין לאנד וועלכע עס פליסט אין איהר מילך אונד האניג; אבער דער בארוף איהרער, האט פיהר אידן קיין נוטס מיט געבראכט; וייל זיא האט אין איהרע רוהיגע טעג יעדערין פערשמעקט; אלזא האבען אידן איבער איהר קיין

מנוחה שעה געהאט , זייא זענען קיין מאהל געווען זיכער מיט זייערע גוט אונ בלוט ; אזוי וויא עלטערין זענען ניט זיכער מיט זייער עהרע, אלס זייא פערמעגען איינע שיינעס מיידכען ; ווייל אין יענע צייטען איז דיא וועלט גיוועזן גאנץ אונצוויליזירט , אונ איבערהויפט האט עס דער געגענד אויך מיט־געבראכט , דען אזיע איז דיא קוועלע פון דיא פינצטערע פינאטיזמוס , דאס איז ארויס צו זעהען וויא ווילד זיא האט פערצייטען געמוזט זיין , ווען אין אייראפא איז שוין אשטיק אויפין טאג , דאס מען האט שוין געפרישטיקט אונ היפשע געגעסען פון דיא פריש געבראטענע ציוויליזאציע , איז נאך אין אזיען קיין שפראץ אויף טאג ; אין אשטאט וואס יעצט אין דיא צוויליזירטע צייטען , שעצט זיך איין קיניג גערעכט , דער מיט וואס ער שיקט דיא שטראלען פון זיין חסד אין עקען וועלט אום צו פערהיטען דאס איין נאציאן זאל ניט געדריקט ווערען פון צווייטען נאציאן , הן אין רעליגיעזנא זאכען אונ הן אין פאליטישע זאכען , אונ אום צו פערפלאנצען „מענטשען רעכט" נעמען זייא זיך דיא פרייהייט — מיט רעכט— איין צוא ווייזען אונ איין צו ארדענען גוטע בעהאנדלונגען אויך אונטער

פרעמדע מלוכות, און בייא זיך אין לאנד נאך פריהער וויא אום אונד אום.

מיט דעם שבח קען כ׳ען ריהמען אונזער מעכטיגע און קרעפטיגע רעגירונג דאס זיא האט וויר־קליך מקיים געוועזען דעם פסוק השקוששו וקושו׳ פריהער פער פוץ זיך, דאס הייסט, און נאכהער וויז דעם צווייטען זיינע פעלערין אין שלעכטע אויפיהרונגען. דיזע גוטע זיטע האט עם אונזער פאטערלאנד בענוצט, דאס אין יאהר 1861 האט אונזער קייזער בעפרייט איבער צוואנציג מיליאן בויערין וואס וואַרען פאדאנעם בייא די פאמיעשציקעס, וועלכע האבין מיט זייא געארבייט וויא מיט פערד; און אלס בייא איהם אין לאנד וואר וויא געהעריג, דאן האט ער ניט געקארקט מיה צוא בעזארגען, דאס ניט ערגער זאל געשעהן אויך אונטער די טירקען וואס אונטער זייער שוטץ גיט אייניגע פערשידענע נאציאנען, ער האט ניט געזאלעוועט גוט און בלוט פון זיינע הערצענס בעליבטע ארמייען, נור אוים צו ווירקען גוטע רעכטען פיר זייא. און דאס איז די ווירקליכע כבוד פאר איין קיניג וועלכער איז איין פאטער

איבער הינדערטע מיליאנען מענטשען.

אבער גאנץ פערקערט וואר דיא זיטע אין דיא אלטע צייטען אין אזיען. איין קיניג האט נור געשטאלצירט אונ האט זיך איבער גענומען נור מיט זיינעם שטריינג בעהערשען, מיט זיינע טיראנישע אויפיהרונגען אונ שטרייטען אונטער נעמען מיט שטילע רוהיגע רייכען גאר אן דאס מינדעשטע פריצינגע; אזוי וויא מיר געפינען אין אינזער היילינגען תנ"ך בעשריבען, דאס דער בויאן סנחריב האט זיך בערימט דער מיט וואס ער איז אין מאכט צו צו־ישטאזין אלע איבעריגע רייכען וועלכע עס האבען רעגירט אין זיין צייט *) אונ ער האט עסווירקליך געטאן; אונ וויא אידין זענען פון אימער גרויסע שלים-מזל'ס, האבען זייא גראדע געהאט איין רייך אין יענע צייטען וועלכע "רעכט" האט גאר קיין ראלע געשפילט, אונ מען איז זייא בעפאלען אונ זיא אוועקגערויבט פון זייא גאר אן רעכט אונ אן איינע פריצינגע, נור וייל זיא

*) ישעיה י' י"ג י"ד.

הָאט זַייא פֶערְשְׁמֶעקְט, דֶען צוּם אוּמְגְלִיק אִיז זִיא אַלֶעמֶען אַזוֹי שְׁטַארְק גִיפֶעלֶען, אַלְזָא וֶוען אֵיינֶע פוּן דִיא דַאמָאלְשְׁדִיגֶע רַייכֶען הָאט זִיךְ נוּר גֶעמַאכְט אֵיינֶע גִילֶעגֶענְהַייט, זֶענֶען זַייא צוּא גֶעפַאלֶען צוּ אִיהר וִויא צוּ הָאנִיג; אוּנ אִיבֶּער אִיהר הָאבֶּען אִידִין שְׁטַארְק גֶעלִיטֶען, דֶען דָאס אִיז דָאךְ גַאנְץ נַאטִירְלִיךְ, דָאס אַיין קִינְד שְׁרֶעקְט מֶען מִיט דִיא זַאךְ פִיר וֶועלְכֶער עֶר שְׁרֶעקְט זִיךְ, דֶער פַאל אִיז גִישֶׁעהֶן דַאן אוֹיךְ מִיט אִידִין. זַייא וַוארֶען בֶּעקַאנְט פַאר זַייעֶר רֶעלִיגִיעֶזֶע, דָאס פַאר דִיא קְלֶענְשְׁטֶע מִצְוָה מֶעכְטִין זַייא זִיךְ לָאזֶען שְׁנַיידֶען נָאז אוּנ אוֹיעֶרִין, אַלְזָא וֶוען אַיין רַייךְ הָאט נוּר אַרוֹיף גֶערִיטֶן אוֹיף זַייא אוּנְד אוּם צוּ דֶערְדְרִיקֶען זַייא אִין גַאנְצֶען, הָאט זִיא זַייא גֶעקִירְצְט מִיט רֶעלִיגִיעֶזֶא זַאכֶען, גֶעגִייט שַׁבָּת צוּא אַרְבַּייטֶען, קִינְדֶער נִיט בֶּעשְׁנַיידִין, אוּנ דָאס גְלַייכֶען, וָוארוּם וָואס קֶען נָאךְ אַזוֹי אוּנְטֶערְדְרִיקֶען אַיין נַאצְיָאן, וִויא צוּא שְׁטִיקֶען אִיהר גַייסְט, דָאס זַייא זָאלֶען זַיין פְּרָאטִיוו זִיךְ זֶעלְבְּסְט.

אִיבֶּערְהוֹיפְּט הָאבֶּען יוּדֶען גֶעלִיטֶען פוּן דִיא רֶעמֶער, דָאס זַייעֶר זַיין נָע וָנָד, הָאבֶּען זַייא דָאס

צו פערדאנקען דיא רעמער מער קיינעם; אונד אלעם פראבע פון זייער בעהאנדלען אונז, וועלין מיר פערציילען איינע קורצע — אבער דאך איינע וואונדערליכע ערציילונג:

ב.

אין דעם יאהר 130 דאס וואר אונגיפער איין יאהר נאך דעם חורבן בית שני, האט דאן רעגירט אנדריאנוס אין רום; אונ וויא ער איז בעקאנט אין דער היסטאריע פאר ניט קיין גרויסען חכם, פאר שטייט זיך פון זעלבסט דאס מסתמא האט ער בעדארפט רייטען אויף דיא קלאטשקע *) אונד דיא עלענדע געמיינדע יודען זיינען דאן פון עם זייער שטריינג אונ שטראגע בעהערשט געווארען; האט

ער

*) לססתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי, רבנין אמרו לפי שנדמו ישראל לסוסים נקבות. (מדרש הזית פרשה א׳).

ער אלזא פערבאטען דאס זיא זאלען זייערע קינדער ניט בעשניידען, דער ביא וואר אויף דאס זייער שטרייננ אכטונג גיגעבען פון דער רעגירונג, עס וואר געזעצט אומישנע שפאטריטלען אין יעדער שטעטל וואו נור אידין האבען געוואהנט, אונד אום צוא בעזארגען דאס דיא שפאטריטלען זאלען ערינסט אויף פאשען, ווארען זייא געצאלט היפשע געהאלט אויף דיא אידישע קאסטען, אונד עס איז גיוועזן וויא געזאגט „סמירנא!".

אונטער אידין וואר דאן אין יענע צייט איין וויכטיגער און הייליגער אנפירער ער האט זיך גינענט מיט זיין נאמען „רבן שמעון בן גמליאל" און וואר אונטער אידין וויא מען רופט עס „נשיא", ער האט געשטאמט פון דיא פאמיליע „דוד המלך".

דער נשיא פלעגט צו זיין בעשטימט פון דער רעגירונג, און אזוי אויך וואַרען זייא זייער געאכט ביא דער רעגירונג, דאס מען פלעגט מיט זייא עצות האלטען וועגען וויכטיגע פאליטישע זאכען, זעלבסט דיא קעניגען פלעגען זייא פערברויכען צום גיזעלשאפט, אונטער האלטען זיך מיט זייא. ווען דער קיניג פלעגט פון איהם פרעגען איינע

ראטה , אונד דער נשיא פלעגט ניט וועלען דאס איין אנדערער אויסער דער קיניג זאל ניט וויסען וואס זיין מיינונג איז וועגען דיא אין פראגע , פלעגט ער צוא ענטפערען דעם קיניג גאר אן ווערטער , נור ער פלעגט איהם דער לאנגען איינע ראזע , וואס דורך איהר האט דער קיניג גוט פערשטאנען זיין מיינונג וועגען דעם , *) דיזעם האט מען גערופען בלומען שפראך דען דיא נשיאים פלעגען צוא זיין פאלקאם אין אלע חכמות .

וויא דיא לעזערין איזט שוין בעקאנט , דאס דער נשיא וואר העכסט בעפריינדעט מיט דעם קייזער פון זיין צייט וועלכער ער האט זייא געשיצט , קען זיא מיט שפירען דיא לאגע אונ דיא מוטה פון אונזער היליגען רבן שמעון , אלס זיין פרוי האט איהם געבארען איין זון , גראדע אין דיא צייט ווען דער אוקאז פון קייזער וואר נאך גאנץ שטראגע , וועגען דיא יודען דאס זייא זאלען וייערע קינדער ניט בעשניידען . אונד ווען ער

וועט

*) עבודת כבבים ד' י׳ .

וועט דער ווידער זיין דעם רצון פון קעניג, וועט דאך זיין זיינער פערברעכין אום פערצייליך, אונ געניסין דער פון וועלען דיא גאנצע אידישע געמיינדע; אונד ביא אלעם דעם איז דאס קינד גיוועזן ביא איהם אונ דאס גלייבען ביא דיא מוטער איין גוטער גאסט, דיא הערצין וואר זייא פאל פרייד אונ האפענונג, דען זיין ליכטיגעס געזיכט אונ נאך אזעלכע בעווייזונגען האט זייא גיגעבין יוטע האפענונג אויף שפעטער, אזוי וויא איין קול פון הימל וואלט זייא הילכען אין דיא אויערין, דאס דיזער קינד וועט זיין צו גרויסע נוצען פיר זיין פאלק, וויא עס איז אזויווירקליך געשעהן, דען דיזער קינד איזט דיזער וועלכער איז אויסגעצייכענט מיט זיין נאמען ר׳ יהודה הנשיא׳ דען ער האט בעטרעטין דיא שטעל פון דעם ר׳ שמעון זיין פאטער נאך זיינעם שטארבען, אונ ער האט דאס געמאכט אויף איין לאד דיא זעקס סדרים משניות.

פערבאטענער ברית געוואהנליך

ג.

גֶעוָואהנְלִיךְ אַז בַּייא רַבָּן שִׁמְעוֹן הַנָשִׂיא אִיז גֶעבָּארֶען אַיין זוּן , הָאט זִיךְ מִסְתָּמא גֶעלָאזְט הֶערֶען אוּנְטֶער אִידִין מַיילִין וַוייט ; יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער וָואס וַואר אִין צְוֵוייפֶעל וִויא עֶר זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין מִיט דָאס מַהלִ׳ן דִיא קִינְדֶער , אִיזְט אִיהם יֶעצְט מִיט דֶעם נַייא גֶעבָּארֶענֶעם גַאסְט , אָראפּ אַזוֹי וִויא אַמַאסֶע פוּן קָאפּ . דֶען זַייא הָאבֶּען בַּייא זִיךְ בֶּעשְׁטִימְט נָאךְ צוּא טָאן דֶעם נָשִׂיא , וָואס עֶר וַואר דִיא אוֹיגֶען פוּן דִיא גַאנְצֶע אִידִישֶׁע גֶעמֵיינְדֶע .

רַבָּן שִׁמְעוֹן וָואס הָאט גוּט פֶערְשְׁטַאנֶען דָאס בַּייא אִיהם הַאלְט עֶס . אוּנְד וֶוען עֶר זָאל זַיין נַאכְלֶעסִיג נוּר אִין דִיזֶען מָאל , קֶען מֶען שׁוֹין גֶעמֶען אָבְּשֵׁייד פוּן דִיא מִצְוָה אוֹיף אִימֶער אוּנ אֵייבִּיג ; הָאט עֶר גָאר נִיט גֶעצְוֵוייפֶעלְט מֶער וֶועגֶען דָאס בֶּעשְׁנַיידוּנְג דָאס קִינְד , עֶס אִיז בַּייא אִיהם גֶעוֶועזֶען נָאךְ מֶעהר אַלְס גֶעווֹיס נִיט אַיין צוּ לָאזֶען דִיא מִצְוָה ; נָאךְ מֶעהר , עֶר הָאט נָאךְ בַּייא זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט דָאס עֶר טָאר עֶס נִיט מַאכֶען בְּסוֹד , נוּר גְרַאדֶע אָפֶענְטְלִיךְ , כְּדֵי דָאס אַלֶע אִידִין זָאלֶען ווִיסֶען עֶס גָאךְ צוּ טָאן , אוּנ עֶס אִיז ווִירְקְלִיךְ אַזוֹי גֶעשֶׁעהֶן .

פינף טעג נאך דאס קינדס געבאהרע . האט ר׳ שמעון געמאכט דיא זאכע גאנץ קלינגענד , ער הא ז גיגעבען איין בעפעל דאס דיא גאנצע אידישע געמיינדע פון שטאט זאלען צוא זאמען קומען אין שול ; אונ־ באלד דארויף זיינען דיא גאנצע שטאט צוא זאמען געקומען אין שול גאנץ נייא געריג אום צו געהארכען זייער בעליבטען נשיא ; אונד רבן שמעון האט געהאלטין איינע דיכטיגע אונ העכסט ריהרענדע רעדע פאר זייא , ער האט זייא פאר געשטעלט אלע בלוטיגע צייטען וועלכע אידען האבען אריבער געטראגען צוא ליב דיא רעליגיעזע זאכען . איך דאט ער זייא פאר געשטעלט דיא אידישע וויכטיגע פערזאנען וועלכע עם האבען עם געליטען ; אונ עם וואר אונטער דעם עולם דער בייא שווער געזיפצעט אונ טרערין פערגאסין ; אם ענדע האט ער זייא פעשטרענגט אין זיין נאמען , דאס בייא אלעם דעם זאלען זייא זיך ניט אדוואגען אפ צוא וייכען פון צוא פערהייראטהען זיך, אום ניט צוא פערזינדיגען אנטגעגען דעם נאטור זעלבסט , אונד אנטגעגען גאט וואס האט גיגעבען איין ווארט , דאס דיא קינדער אברהמ׳ס וועלען זיין דויער לאנג גלייך מיט דיא הימעל אונד ערד ; אונ וועגען דיא רעליגיעזא זאכען זאלען זייא זיך ניט בעזארגען , דען דאס איז דאך ניט אבהייגגליך אן דער

גאמד, דאס איז נור איינע בלויזע צופאל פון גאטעס ווילען, אלזא: לאז ער זי לעבט ראזפראזייען מיט זיין השגחה ד.ה. מיר זאלען עס קענען אוים האלטען, נור ווען עס זאל גאר ניט פארשטיין צוא ליידען ביי דעם אוים האלטען דיא רעליגיאן, פאר וואס וואלט מען גאר האפען דאס מען וועט איין מאל בעלוינט ווערין, אלזא מוז מען פון אידהרענט וועגען יא ליידען פיל עס איז מעגליך, אונ מען מוז זיך האלטען אן אידר פעסט! —.

דיזע רעדע זיינע האט פיל געווירקט אויף דיא צובראכענע הערצער, אונ זיינען זיך פאר איינאנדער גינאנגען יעדער באזונדער צוא הויז מיט פערוויינטע אויגען אונ בעטריבטעס הערצען.

זייא האבען פערציילט זייערע פרויען ביי זייער קומען פון דיא רעדע צוא הויז דיזע בלוטיג שטוקע וועלכע דער נשיא נעמט זיך אונטער צוא טאן געגען דעם שטריינגען אוקאז, אונ נאט וויים, האבען זייא צווישין איינאנד געזאגט, דאס וועט געווים טרוקען ניט אוועק, דיזעס וועט קאסטען גענוג אידישע בלוט; עס וואר דער ביי געזארגט אונ געהאפט צוא זאמען.

עס איז ניט דא טרייא אונ פינקטליך אין דער ארבייט אלס דיא נאטור איז פינקטליך אין איר זאך; זיא פערזאמט ניט אונ פערגעסט ניט וואס נור אן איר געהערט צו טאן, דיא נאטור איזט וויא דיא חכמים רופען איהר אן מיט דעם נאמען „שר העולם״, זיא איז עלטער פון אלעם אונ שטארקער פון אלעם, זיא לאזט זיך ניט אונטער קויפען מיט שוחד, אונ שאנעוועט קיינעם, אונ קיינעם געהארכזאם, אויסער וועז דער שעפער זעלבסט מאכט איהר אפאנאק דאן איז זיא פאקארנא, מער וויא ער אליין איז ניט דער בעל הבית אויף איהר צוא בעהערשען, נור ער אליין האט גיקענט מיט זיינעם ווילען מאכען פון צווייא טעג נור איינעם *).

אך

---

*) ישעיה [illegible]

אך וויא גערען זיינען דאס געוועזען דאן די אידישע געמיינדע, דאס עס זאל זיך איבער היפען דער טאג אין וועלכען עס דארף דער ברית זיין ביא דעם נשיא׳ס קינד, דאס מען זאל גאר ניט שפירען וויא ער וועט פערשוואונדין ווערען אין דעם פערגעסענהייט פון דאס פארגאנגענהייט; נור דאס גייט ניט, דאס וועט מען ביא דער נאטור נימאלט פויעלין, דען די צייט שטעלט איהרע אדעלע טריט גאנץ רעגיל מעסיג, ניט לאב-לעסיג אונ אויך ניט גיהייל‍ט, וויא איינע היפשע טענצערין, זיא פערזאמט זיך ניט לייגער אויף איין שטאנד צוא ליב דיא וועלכע עס גענים‍ען פיהל פער-געניגען אונטער איהר צייט, אויך בעהיילט זיא זיך ניט גיכער פערשוואונדען צוא ווערען צוא ליב די וועלכע עס ליידען פיל אונטער איהרען זיין; אונ עס איז אלזא דער טאג פון דעם ברית אויך אויסגעבעגינט אין דיא זעלבע רעגילמעסיקייט וויא אלע טאג, זיא האט ניט געקוקט וואס זיא האט מיט געבראכט שקרוך אונ זארג פיר איינע גאנצע געמיינדע.

אונד רבן שמעון אליין, ווען אפילו ער וואר פעסט אין זיין מיינונג, דאס אין דיא וועג פון איין

דבר מצוה נישעהנט נימאלס קיין אומגליק *) דאך האט ער מיט איין קלאפענדען הערצען פערפערטיגט דיא גאנצע צירעמאניא וואס מען ברויך עס צו האבען צוא דעם ברית, אונ עס איז אים ניט צו פערדיינקען, ווארום עס איז אים דאך פארגעשטאנען דער בייא זעלבסט דעם לעבען צוא פערלירין, בייא אלעם דעם האט ער פארט אויף זיך בעהערשט ניט צוא זיין בעזארגט, אונ האט זיך געמאכט מוטהיג פאר דיא געסט, דאמיט דער קידוש השם זאל זיין גרעסער, אונ האט מיט ערענסט פאר איין עדה אידין געמאהלט זיין קינד.

דיזע שטוקע זיינע וואר פערגעווים פיהל מעהר געשעצט בייא גאט אלס אברהם אבינו האט בייא זיך בעשלאסין צוא שעכטין זיין איינציגען זוהן יצחק. דען איהם האט דאך קיינער צוא ריק געהאלטען. אבער דער נשיא האט זיך דאך פארגעשטעלט אנדריאנוסעס שווערד פאכט איהם איבער דאס געזיכט, אונ בייא אלעם דעם האט ער עס ניט איין געזאזען, ער האט

אפ

*) שלוחי מצוה אינן ניזוקין (פסחים ח׳):

אפ געטאן וואס אן אידם געהערט, אונד איז געוועזן פארטיג היינט מארגען אויף גערופען צוא ווערען פון דער רעגירונג אום טראקטירט צוא ווערען.

ה.

דער שמאטריטל וועלבער איז געזעצט גיוועזן פון דער רעגירונג אום אכטונג צוא געבין דאס דער באפעל וועגין דיא אידישע קינדער זאל ווערין אימפאלנייעט, ער האט גיטאן וואס אידם גיהערט, ער האט גילאזט רופען דעם רבי שמעון צוא זיך אום פאר צוא האלטען אידם וועגען זיינעם פערברעכען דיזען וואס דאס וואר געגען דעם ווילען פון דער רעגירונג.

רבי שמעון איז גאנץ ווייניג איבער ראשט געווארען פון דיזען אויפרופונג, דען ער האט שוין פריהער גאנץ גוט געוואוסט דאס עס וועט אזוא געשעהען, ער האט זיך גאר ניט געלאזט בעצען אונ

(פערבאטענער ברית) איז

אִיז גְלַייךְ אַרַיין צוּם שְׁמַאטְרִיטְל גַאנְץ מוּטְהִיג אוּנ גָאר אָן אַיין אַרָאפּ פַאל, וָוארוּם אֵייגֶענְטְלִיךְ וַואר דֶער צִין „נָשִׂיא" פִיל הֶעכֶער אַלְס שְׁמַאטְרִיטְל.

דֶער שמאטריטל הָאט זִיךְ פַאר אִיהם פֶערְנֵייגְט מִיט עֶהְרֶע פוּרְכְט בַּייא זַיינֶעם אַרַיין קוּמֶען אוּנ הָאט אִיהם גֶעלָאזְט זִיצִין, אוּנ אֵיידֶער דֶער שמאטריטל הָאט גֶעפוּנֶען דִיא גֶעדַאנֶקֶען זַיינֶע אוֹיף אַלַאד וִויא אִים פָאר צוּא הַאלְטֶען עֶפֶּעס מִיט אֵיינֶעם אֵיידֶעלֶען אוֹיס דְרִיק, הָאט רֶבִּי שמעון פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט גֶעמַאכְט אַיין גֶעשְׁפְּרֶעךְ וֶועגֶען דֶעם.

„נוּא וִויא רַאטְהֶען זַייא מִיר לִיבֶּער הֶערְר רַאבִּינֶער?" הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶער שמאטריטל דֶעם נָשִׂיא הַאלְבּ שֶׁעמֶענְדִיג זִיךְ אוּם אִיהם אִין גֶעזִיכְט אַרַיין צוּא קוּקִין וִויא רַאטְהֶען זַייא מִיר? וִויא זָאל אִיךְ זַייא אִין דִיזֶען גֶעגֶען שְׁטַאנְד בֶּעהַאנְדְלִין? זַייעֶר עֶהְרֶע אִיז בַּייא מִיר זַייעֶר טַייעֶר, נוּר אִין גַאנְצִין פֶערְשְׁוַויינֶען טָאר אִיךְ דָאךְ דָאס אוֹיךְ נִיט, דֶען אִיךְ בִּין דָאךְ וֶועגִין דָאס אוּמִיסְנָא גִיזֶעצְט" —.

(פערבאטענער ברית) מאכט

„מאכט וויא איהר פערשטייט;" האט ער איהם געענטפערט קאלט בליהטיג און גאנץ רוהיג, אונד זאגט צוא איהם „איך האב געוויס דער מיט ניט גימיינט צוא זיין פראטיוו דעם ווילען פון דער רעגירונג איך האב עס גיטאן נור גאטעס פערבאט צו ערפילען און מער ניט".

„אלזא איז מיין עצה דער ביא" האט געענטפערט דער שמאטריטל האלב פערטראכט מיט איינע נידעריגע שטימע „מיין עצה איז דאס מיר זאלין גלייך מאכען איינע רייזע נאך רום, נעמען זייא מיט זיך דיא פרויא און דאס קינד, און וויא מען וועט דאס אורטהיילין אין גאסודארשטוועגעם סאוועט אזוא וועט עס פערבלייבען, פון מיינער זייטע וואר איך העבסט צוא פרידען ווען מען וועט זייא גאר פערצייהען".

דער נשיא האט זיינע אייגענע מיינונגען דער-ביא גאר ניט אנגיוועגדעט, ער האט נור איינגישטימט

דאס עס זאל אזוא ווירקליך גישעהען אונ האבין אלזא זיך פערפערטיגט צוא דער רייזע, אונ צוא קומען קיין רום געריכטעט צוא ווערין.

מען קען פערשטיין וויא עס איז גיוועזן צום מוטה דיא שטאט ביא דעם נשיאם אפ פארין נאך רום וועגען אזא ניט נעשמ קען געגען שטאנד, דער ביא וואר זיין פרויא אויך נאך גאנץ שוואך דען זיא איזט נאך גאר איינע קינפעטארין, אונ דאס קינד זעלבסט אויך קאם וואס ער האט גילעבט אקארסט נאך דעם ברית, עס וואר נאך פאר זייא גאר איין גיפאהר אונטער צוא נעמען זיך מיט אזא רייזע, אונ איבער הויפט וואר מען בעזארגט דאס גאט ווייס וואס קען מיט זייא פאסירין דארטין. דיא גאנצע אידישע גימיינדע האבין זייא בעגלייטעט, היפשע האבין זייא בעגלייטעט הינטער דעם שטאט, אונ ביא דעם זעגענען זיך מיט דעם נשיא וואר פיל טרערין פער-גאסין אונ פיל געחליפעט.

דער נשיא האט זייא פערבעטין דאס מען זאל
(פערבאטענער ברית)
אין

אין שטאט פאסטין און גאט בעטין דאס עס זאל
גישעהן ניסים ער זאל בעהאנדילט ווערין מיט חסד ;
אונד אלס דיא קארעטע האט זיך אן גיהייבען צוא
רירין פון ארט און זא גלייך צו פארען , וואר גיהערט
איינע רוישענדע שטימע פון גאנצין עולם , „האט איינע
גליקליכע רייזע , און קומט צוא הויז מיט גליק !“
אזוא וואר זייא גוטע געוואונשן מיט טויזענדע ברכות
ביז דיא קארעטע פון דעם נשיא איז פארשוואונדין
גיווארען פון זייערע אויגין , האבין זייא זיך אום
גיקערט אין שטאט מיט בעטריבטע הערצער •

(פערבאטענער ברית)

דער נשיא מיט זיין פרויא . בייא זייער קומען אין רום זיינען זייא פערפארען אין איינעם האטעל , אונ זייא וואַרען פארטיג צוא שטיין פאר דעם קייזערס פארלאמענט .

דיא פרויא בייא איהר קומען אין וועג אונ דעם קינד פערשלעפערענדיג האט זיא זיך פערטיפט בייא זיין וויגעלע אין דיא געדאנקען „גאט פון זיבעטען הימיל זאל צוא זעהען אונזער עלענד אונ דעם עלענד פון כלל ישראל ! מיר זיינען בייא דעם מאל פערלארען גאנץ פערלארען ! . . . ניין ! מען מוז האפען צוא זיין ליבען גאטען . . . ער קען בעווייזען וואונדער . . . נור פון וואס פאר איין צו פאלקען דא אונז גישעהען ניסים ? . . . מען מוז זעהען אליין שוין צו זוכען מיטלען. צו זוכען גוטע אורזאכען , ווארום ווען אפילו מיר זיינען שוין ווערט דאס עס

זאל אונז בעגעגענען איין גליק אונ טרעפען איין נס . דאך מוז אבער דער בייא עטוואס געטאן ווערען דורך דעם מענטשען שטאריינע אויך . אונ גאט דארף זיין צוא הילפע, דען עס איז מיט גאטעס ווילין איין געשטימט זינד ער האט באשאפען דיא וועלט, דאס אפילו איין נס מוז דיא נאטור חאצבע צוא לייגען איין האנד, דאמיט זיא זאל זיך ניט האבען אויף איהם צו בעקלאגען דאס ער קירצט איהר פון איהרע ארבייט צו וועלכע זיא איז בעשטימט בייא זיינעם באשאפען איהר, ווען ער טוט פראטיוו איהר (דאס הייסט למעלה מדרך הטבע) ; אלזא בענוצט איהר גאט אויך זעלבסט צוא איין נס דאס דער נס זאל נישעהען האלב נאטירליך" ...

אין אזעלכע געדאנקען איז דא געזעסין דעם נשיא׳ס פרויא ; פלוצלונג האט זיא זיך ערוואכט פון איהרען דיינקען אונ האט גירעט צו זיך פערצווייפעלט „יא! איך גייא זוכען הילף נור גאט זאל מיט מיר זיין" ! בייא דיזע רייד האט זיא זיך עטוואס צוא געפוצט זיא האט זיך רייכליך אן געקליידעט , אונ איז זיך אוועק גלייך אין דווארעץ גאר אפילו אן דעם

וויסין פון רבי שמעון איהר מאן, אונ האט זיך געלאזט מעלדען צו דער קעניגין — .

די קעניגין האט איהר מיט פריידען זייער העפליך אויף גענומען — דען זיא וואַרען בעפריינדעט פון לאנגע דאטען — זיא האט גערעט צו איהר זייער פריינדליך אונ ליבליך, דאך האט עס אבער דיזער בעטריבטע גאסט קיינע מוטה געמאכט אונ איז געשטאנען וויא איינע פאר שעמטע.

„וואס זיינען זיא מיין טייערסטע אזוי בעזארגט אונ זעהען אזוי שלעכט אויס?" האט איהר די קעניגען געפרעגט אונ זאגט צו איהר „איך זעה איין דאס זייער קומען איזט ניט פון פערגעניגען אונ ראשקאש, זאגען זיא מיר שוין די אורזאך פון זייער קומען אין קרוין שטאט? נאר צום ערשטין פערלאנג איך דאס זיא זאלען מיר טאן די געפעליגקייט אונ מאכען זיך מוטהיג דען איך קען זיא ניט צו זעהען אלס פערקימערטע אונ בעזארגטע, ווען זיא זיינען עפעס געקירצט פערציילען זיא נור מיר דאן זיינען זיא

שוין זיכער דאס איך וועל שוין אויף קימען אויף
אללעם נור וואס מעגליך איז , נור ליבסטע קימערט
זיך ניט, פילייכט איזט אייער קימער אום זיסט איז
אשאדען זייער געזונד״—

„וויא זאל איך מיך ניט בעקימערין אונ רוהיג זיין״
האט זיא זיך אפ גערופען מיט איינע קלעגליכע
שטימע אונ דיא הענד פערברעכענדיג „דאס עס איזט
מיר פאר געקומען צו זיין איינע מורדת במלכות, אונ
ווער קען מיר אויף דאס פערצייען ? איך בין אייגענטליך
גאר ניט געקומען אום צו בעטען פערצייאונג , איך
בין נור געקומען בעשטראפט צו ווערען וויא איך האב
פערדינט , איך בין שוין מעהר ניט ווערט צו טרעטין
אויף זייערע דילין , דען איך האב דער ווידער געוועזן
דעם געזעטץ פון קעניג דער מיט וואס איך האב מיין
קינד געלאזט בעשניידען צום אכטאג וועדליג אונזער
רעליגיאן פער־לאנגט , איך האף שוין מעהר ניט אויף
רעטונג , זאגאר וויא איך בין עס ניט ווערט דאס זייא
זאלען פיר מיר גוט שפרעכען , מיין מאן אונ אויך
דער קינד זיינען היר , מארגען גיבען מיר זיך איבער
מיט דעם גאנצען איינענעם ווילן אין דיא האנד

פערבאטענער ברית   דער

דער רעגירונג מען זאל אונז ריכטען וויא מיר זיינען ווערט' — .

דיזע ערענסטע רייד איהרע האט דיא קעניגען גאנץ אויף געריהרט , אונ אלזא האט גרויס מיטלייד בעקומען אויף איהר , אונ האט איהר אנגעגריפפען ביא דיא ציטערענדע הענט איהרע אונ האט צו איהר געזאגט .

מיין בעסטע פריינדין ! וואס איז מיט זייא דער מעהר דאס זייא פערליהרען דעם האפפענונג זעלבסט פון דעם לעבען ? אוי איך קען עם גאר ניט צו זעהען ! שטארקען זייא זיך צוא האפען ; זייער פאר ברעך איז אין מיינע אויגען גאר ניט אזוי גרויס , וואס קומט זייא ווען זייא זיינען טרייא אונ פעסט אין זייער רעליגיאן ? זייא האבען דאך דער ביא קיינע בייזע אבזיכט געהאט צוא דער ווידער זיין דעם קעניגס געזעטץ , אונ האבען אויך דער מיט קיין מענטשען צו שאדען געבראכט , פאר היטין זייא זיך זייער געזונד , אונ גיבען זייא זיך גוטע האפפענונג , זייא זיינען נאך יונג בליהענד ,

זייא וועלען נאך זייער קינד ערציהען מיט פיל פערגעניגען , עס איז פאר מיר ווירקליך איינע בעליידיגונג דאס זייענד בייא מיר אין שטוב זאלען זייא זיך געפינען אזוי פערלארען בעקימערט זיך גאר ניט , איך האב פיר זייא איין מיטל דאס עס זאל זייא קיינע בייזעס געשעהען פון צארען דעם קעניגס , מען זעהעט בעשיינפערליך דאס גאט שיקט דיא רפואה פאר דיא מכה , היינט ווערט אכטאג זינד איך האב אויך געבארען איין זון , ברייננ געשווינד דיין זון דעם בעשניטענעם , איך וועל דיר איהם אום בייטען אויף מיין זון דעם אום בעשניטענעם , נור אום גאטעס ווילין עס זאל דער פון ניט וויסען איין לעבעדיגעס וועזען , זעלבסט זייער מאן זאל אויך ניט וויסען ווארום ווען ער וועט דער פון וויסען , וועט ער זיך שרעקען בייא זיינעם שטיין צום געריכט דאס מען זאל ניט דער גיין דעם פאלש , וואס דאס וואלט געווים זיין אין פאל ווען מען וואלט דאס וויסען וואלט פיל ערגער זיין אונ דער צארען גרעסער בייא דעם קיניג , נוא מאכען זייא עס גיך אונ שארף .

דער איינפאלל דיא קיניגינס וואר העכסט געראטען
(פערבאטענער ברית)

גערעאטען , אונ דער פערוועקסלונג איזט ווירקליך געשעהען זייער געשיקט אין דיזען אבענד , אונד דער נשיא זעלבסט האט אויך ניט געוואוסט דער פון , אויסער וואס גאנץ פריה האט זיא איהם צוא גערופען צום וויגעלע אונד האט איהם בעוויזען דאס איין נס איז געשעהען דורך נאכט , בייא דעם קינד איז ניט דא מעהר קיין סלאד דאס ער ווארא איין מאל בעשניטען ! אונ עס וואר אלזא אונטער זיך פריידען איבער פריידען — .

ז.

עס וואר דאס מארגענס אלס דיא סענאטארען זאבען זיך געקליבען אין גאסודארשטוועגעס סאוועט ונ דער קייזער זעלבסט האט אויך דארטען ניט עפעלט , האט דער שמאטריטעל פריסטאוועט ום סאוועט דעם רבי שמעון מיט זיינער פרויא ונ דאס קינד , אונ האט פערציילט דאס ער

(פערבאטענער ברית) האט

האט זייא זעלבסט מיט געבראכט צום אויסהיילען זייא וועגען זייגעם פערברעך.

דיא גאנצע סעסיאן האבין ביסטרע אן געקוקט דעם רבי שמעון מיט בייזע בליקען וועלכע עס האט אוים געדריקט האס אונ גרויס צארען איבער זיינעם פעראכטען דעם קייזערס באפעל וועלכער איז געגרינדעט מיט זייערע אלעמענס איין שטימונג, אבער זייא האבען מויל געהאלטען, זייא האבען נור געקריצט מיט דיא ציין אונ קיין ווארט גירעט, האבען גיווארט שטיל מיט אונגעדולד אום צוא הערין פון קיניג זעלבסט זיין מיינונג וועגען דאס.

„איך ווינשע צוא זעהען דעם יודישען בעשניטענעם קינד" האט דער קיניג גיגעבען אזאג מיט פייער „לאז מען איהם היר בריינגען מען דארף זעהען וויא זעהעט עס אוים איין קינד פון איין אכטאג אלס מען האט פון איהם געזונטעס פלייש געמינערט.

פלינג וויא אפייל האבען דיא בעדינטע געבראכט דאס קינד מען האט איהם אויס געהילט פון דיא קיסעלע אונ פון דיא ווייסע ליילעכלעך אונ מען האט איהם געפונען גאנץ אום בעשניטען.

דיא גאנצע סעסיאן האט זיך פערוואונדערט אן געקוקט , אונ אנדריאנוס זעלבסט איז העכסט בייז גיווארען אויף דעם שמאטריטל , ווארום ער האט זיא צוא שפאס געבראכט דער מיט וואס ער האט פריער ניט פאסטעדעוועט צו איז עס גאר ריכטיג , אונ דער שמאטריטיל וואר גאנץ צוא מישט אונ צוא שראקין דאס ער האט ניט גיקענט ענטפערין איין ווארט .

דאן האבען זיך דיא סאנאטארין אפ גערופען צום קיניג אונ האבען געזאגט .זאל דער קיניג ניט מייגען דאס ער איז וואס שולדיג דער בייא , ניין ! דאס איז מעהר אלם געווים דאס דער קינד דער יודישע וואר בעשניטען צוא דער צייט , נור זייער גאט האט אונז צוא נארען געמאכט .

דער קיניג האט זיך געלאזט זייער לייכט בערייდען פון זיין סאנאט . אונ האט עס אן גענומען פאר איין בעוויז דאס ער זאל דעם מאל זיינע לאזין איבער גיין , אונ האט עס ווירקליך באלד דארויף געטאן .

ער האט דער לאנגט דעם נשיא זיין זיגעל מיט איינע פריינדליכע מינע , אונ האט איהם געהייסען דאס ער זאל גלייך פון רום פארנאנדער

שִׁיקְען אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטֶעט דוּרְךְ דֶעם קִינִיגְס בַּאשְׁטִימְטֶען לַאפֶער אוּם זַייא צוּא בַּאוַוייזֶען וֶועגֶען דֶעם מַאנִיפֶעסְט.

עֶס וַואר נַאכְהֶער דִיא קִינְדֶער קַארִיק אוּיס גֶעוֶועקְסֶעלְט, אוּנ דִיא פְרוֹיא דֶעם נָשִׂיאִים הָאט בַּאדַאנְקְט דִיא קִינִיגֶען פַאר אִיהֶרֶען גְרוֹיסֶען חֶסֶד וָואס זִיא הָאט מִיט זַייא גֶעטָאן אוּנ רבי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ יֶעצְט דֶערְוואוּסְט פוּן דִיא קִינִיגִינְס אַיינְפַאל דִיזֶען, יֶעצְט אוּנְטֶער דֶערְוֶועגִינְס, דֶען אַלְס פֶארִינְדִיק צוּא הוֹיז הָאט זִיא אִיהם דֶער צֵיילְט. אוּנ עֶס וַואר בַּייא זַייא אַצֵייכֶען פוּן גָאט, אוּנ אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטֶעט וַואר פְרֵיידֶען אוּנ הֶעכְסְט גֶעפַייֶערְט, אוּנ עֶס אִיז אַלְזָא צוּם צְוַוייטֶען מָאל מְקוּיָים גִיוָוארֶען דֶער פָּסוּק „לַיְהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן וִיקָר“

ענדע